גטע אַרבעט״. ער האָט דעמאָלט געשריבן מיטן סאָוויעטישן אויסלייג, און ער האָט געשריבן אויפן בריוו־פּאַפּיער פון דער ניו־יאָרקער קאָמוניסטישער צייטונג „מאָרגן־פרייהייט״. דאָס איז געווען די צייט פון דער פאַרברידערונג מיט די קאָמוניסטן, און מיט רוסלאַנד, ווען יידן האָבן געמיינט אַז זיי זענען אונזערע פריינט קעגן היטלער. ווען לייוויק למשל האָט געקענט זיך ערקלערן אויפן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז אין 1937, אין „ליבשאַפט צום סאָוויעטנפאַרבאַנד״. די ליבשאַפט האָט נישט לאַנג געהאַלטן. דער היטלער־גוטע אַרבעט״. ער האָט דעמאָלט געשריבן מיטן סאָוויעטישן אויסלייג, און אַוועק ווייט פון דער „מאָרגן־פרייהייט״. ער איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין „טאָג־מאָרגן זשורנאַל״, ווו גלאַנץ־לעיעלעס איז געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן.

נאָר אין לייב פיינבערגס פאַרמעסט מיט דער וועלט, זיין פאַרמעסט מיט דער וועלט־ליטעראַטור, איז זיין רוסיש־קענען. זיין אָנהויב ווי אַ רוסישער פּאָעט אַ נעבנזאַך, אַזעלכעס וואָס ער איז אויסגעוואַקסן דערפון, אויסגע־וואַקסן און געוואָרן ניט קיין רוסישער, נאָר אַ יידישער פּאָעט. דאָס איז געווען זיין געפונענער וועג, זיין אויסגעזוכטער וועג, זיין געפונענער שטאָלץ און פרייד. ווי ער האָט עס אונז אין זיינס אַ ליד געזאָגט:

וועט מלאך־דומה מיט אַ רמז
וועט פרעגן מיך ביים לעצטן גלעט:
— „וואָס ווילסטו זיין אין עולם אמת?״
„כ׳וועל זיין אַ יידישער פּאָעט!״

---

יידישער וועלט־קאנגרעס (יידישער קאמיטעט) און יידישער זשורנאַליסטן און ליטעראַטן פאריין

טרויער אקאדעמיע צום אנדענק פון

# איציק מאנגער ז״ל

זונטיק, דעם 30־טן מערץ, 1969, פונקט 3 א זייגער
אין
**21 DEAN STREET, LONDON, W.1**

רעדנער:

אלווא — שמואל גאלדשמידט
יוסף לעפּטוויטש — יוסף פרענקעל
א. נ. שטענצל

פארלעזונגען פון מאנגערס לידער: יוליאַן גאלד

איינטריט פריי — קומט אין צייט

---

איבער **לוי אשכול ז״ל** דעם ישראל פּרעמיער, **לייב פיינבערג ז״ל** דעם פאָרזיצער פון יידישן פּען־קלוב, איבער די יידיש־סאָוויעטישע דיכ־טערין **חנה לעווין ז״ל**, און **מאקס וויינרייך ז״ל**, פאָרזיצער פון ייוו״א, איז גערעדט געוואָרן ביי „די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס.




# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 448) דרייסיקטע יאָר אַפּריל 1969, לאָנדאָן


א י נ ה אַ ל ט:


| | | |
|---|---|---|
| וואַריאַציעס לכבוד פסח תשכ״ט, 19־אַפּריל 1969 | | 3 |
| דער סאָציאַלער באַטייט פון פסח | יעקב ריכטיגער | 8 |
| די כעלמער קאָסמאָנאוט (ליד) | הערי פאַצאַנאָווסקי | 11 |
| מיינע צוויי חדשים אין ישראל | דוד בערמאַן | 11 |
| נאָכאַמאָל ד״ר עליאַשעוו, עזה כמות אהבה, די פּטירה פון קאָצקער, דאָס נסתלק ווערן פון חדושי־הרים (פּראָזע און פּאָעזיע) | א. נ. שטענצל | 14 |
| יידיש סימפּאָזיום אין פּאַריז | מ. ז. | 23 |
| איך געהער צו קיינעם נישט (ליד) | עלא זילבערג | |
| תפילה (ליד) | רחל | |


## יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

(בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, בערנער סטריט 33 — 3 אַזייגער

שבת דעם 12־טן אַפּריל, 54־סטע יאָרצייט פון י. ל. פּרץ. ס׳באַטייליקן זיך: יעקב ריכטיגער, נעט רובין, מאיר באָגדאַנסקי און משה רעגן.

שבת דעם 19־סטן — פּראָגראַם: די שאַפונגען פון די קדושים־שרייבער.

שבת, דעם 26־סטן: יום העצמאות־פּראָגראַם: רעדנער, ח. נ. בענקוויטש.

שבת, דעם 3־טן מאַי אַ פּאָרטראַג פון סעם לעף, לייענען די לידער פון איציק מאַנגער און אלחנן וואָגלער זכרונם לברכה — באָגאדאנסקי און י. גרינבערג.

## הזכרה פון וואַרשעווער געטא אויפשטאנד

איינגעאָרדנט פון פריינט פון יידיש לשון, בונד־גרופּע און יידישן „רידינג־רום״ רעדעס, רעציטאַציעס, די הזכרה וועט מאַכן דעם גוט־באַקאַנטן זינגער און אַקטיאָר לעאָן בלומענזאָן

זונטיק, דעם 20־סטן אַפּריל 3 אַזייגער, אין אַדלער־האָל, אַדלער סטר. א.1.


רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

א־רעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:—
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

*Published and Edited by A. N. Stencl, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

עלא זילבערג

## איך געהער צו קיינעם ניט (ליום השואה)

איך געהער צו קיינעם ניט,
און קיינזאַך איז ניט מיין.
דער גראָער הימל איז מיין דאַך,
מיין ליכט, דער זונענשיין.

דער ווינט זינגט מיר צו שלאָפן איין,
בעקאַנט איז מיר דער נגון.
ער האָט געברומט דאָסזעלבע ליד,
ווען אין מיין וויג כ׳פלעג ליגן.

זינג זשע ווינט, דערצייל מיר מער,
פון מיינע קינדער יאָרן,
פון מיין שטעטעלע דערצייל,
וואָס איז פון איר געוואָרן?

צי שיינט די זון דאָרט ווי אַמאָל?
צי בליען בלומען דאָרט,
וואָס איז געוואָרן פון מיין היים!
אַ בית עולם אין מיין גאָרטן . . .

שלאָפט דאָרט טרויעריג מיין געזינט,
צענדליקע בייזאמען,
און די ערד איז ליימיק רויט,
בלוטיג פייער פלאַמען.

טאָ יאָג זשע ווינט, און טראָג זיך גיך,
נאָר נעם מיך מיט אין איינעם.
ווייל די וועלט איז מיר פערהאַסט,
און איך געהער צו קיינעם.

## תפילה

ר ח ל

איבערגעזעצט צום יום־העצמאות. פון עברית: מאיר גערטנער

אַז כ׳האָב מיין לעבן דעם פאָלק ניט געגעבן —
זאָל כאָטש די פיין פון מיין לאַנגן טויט
איבערבעטן דאָס צאָרניק פנים פון גאָט,
אַזוי ווי דער טויט פון יפתחס טאָכטער.

און ווען דער בוימהאַקער קומט אָפּהאַקן מיין קרוין —
זאָל כאָטש דאָס קול פון זיין האַק זיך פאַרמישן
מיט די קולות פון מידע ברידער
צוריקקומענדיק בשלום פון שלאַכט.

בקרוב דערשיינט אין אַרגענטינע אינם פאַרלאַג „מייסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור" אַ ניי ווערק פון ד"ר יעקב מייטליס אונטערן טיטל „דאָס מעשה־בוך". אין דעם בוך, וואָס איז אַ צושטייער צו דער יידישער פאָלקלאָר־פאָרשונג, גייט אויך אַריין אַן אָפּקלייב פון אַלט־יידישע מעשיות מיט אַן אַריינפיר און אַ סטודיע וועגן די מקורים און מאָטיוון. די אַרבעט האָט לעצטנס באַקומען דעם קאַרל־ראָטמאַן פרייז פונעם אַלוועלט־לעכן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק.

מיר מאכן באקאנט
אז דעם 18-טן מאַי 1969
איז אונדזער
50 יאריקער חתונה-יובל
אייזיק גאלדבערג און פרוי צביה
49 GROVE DWELLINGS, ADELINA GROVE, E.1

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 448) דריסיקטע יאָר אַפּריל 1969, לאָנדאָן

## וואַריאַציעס לכבוד פסח תשכ"ט

וויפיל בלבולים אונז צוגעוואָרפן
און נאָך איצט וואָס וואַרפט מען אַלץ אונז נישט צו?
פאַר דער פרייהייט אין דער וועלט צו טראָגן — —
איז דען אַן אָרט דאָ אויף ערד־קיילעך וואו?

וואו נישט געבלוטיקט, וואו נישט געליטן
פאַר וועלן באַפרייען דעם מענטש פון נויט?
פאַר דעם סימבאָל פונם „לחמא עניא" —
פאַרן הונגעריקן ס׳טעגלעכע ברויט.

צי וואָלט ער דען געוואוסט וואָס פרייהייט מיינט,
דער עבד, דער האַרעפּאַשניק, דער כלאָפּ,
געטרעטן פון קעניג, פון האָר, פון פּאַן,
קניענדיק פאַרן אָפּגאָט, פאַרן פּאָפּ?

אָן דעם חג־החירות יעטוועדעס יאָר,
אין די געטאָס אין די שטעטלעך געברענגט?
אַן אויסגעבאַקענע מצה — לבנה
שמעקעדיק אין אָרעמסטן פענסטער העגנט!

פולע כוסות־וויין פינקלען די שטערן,
אויף הסב־בעט אַ מלך מינדסטער ייד;
„השתא עבדא לשנה הבאה" — —
גאַנצע ערד צעקלונגען מיט חירות־ליד.

אָן יידישן חג־הפסח יום־טוב,
צי וואָלט דען געוועזן אַן ערשטער מאַי?
וויפיל בלבולים אונז צוגעוואָרפן
און איצט אַ בלוטיק־רויטס גאָר — שפּאָגל־ניי?

„השתא הכא לשנה הבאה" — —
פאַר אונזער דינסט וואו ערד נאָר האָט אַן עק,
זאָל דאָך אונז פאַרגינט זיין שטיקעלע ערד,
פאַר כזית ברויט אָן מורא, אָן שרעק.

## די סועץ-מכה

אַז ישראל לאָזן עפּענען דעם סועץ,
וואַרטן די ארבעה בנים, די גרויסע פיר;
אַמעריקע־ענגלאַנד, גייט נעבעך, געבראָכן,
סאָוויעט־רוסלאַנד — גרויס רחמנות אויף איר.

געשטעלט, נעבעך, אויף אַ הינקענדיקן פערד,
שטופּסט אַהער, שטופּסט אַהין און ס׳גיט זיך קיין ריר!
דע־גאָל אַרבעט ווילדע מעשים מיט זיין נאָז,
דרייט זיי אַהער, דרייט זי אַהין — כאָטש קראַפּיר!

אַז ווען שוין צו די דיינו׳ס געהערן,
די עלעפטע מכה — דעם סועץ־געשוויר!
ווען שוין וועט זי זיך טון אַן עפן
די „שפוך חמתך על כל הגוים"־טיר?

ווען שוין אויפהערן די בלוטיקע שנאה
פון מאָרד און טויט — נישט מיר נישט דיר?
צו די „חד־גדיאס" נעמט דאָך אויך אַ סוף
און דער „מי יודע" האָט דאָך אויך אַ שיעור?

די האַרבע קשיא, דער שווערער תיק״ו,
נאָר עלע־נאַווי האָט אַ תירוץ אויף איר:
לשנה הבאה דיין מיט נאַסערן
ביי איין סדר־טיש טרינקען די כוסות פיר.

## אליהו-הנביא באלאדע

צו דער לבנה, צום מאַרס דאָס פליען,
די הכנות — עס טוט זיך עפּעס אָפּ!
אליהו־הנביא אין איין שמיידריי
פון זיבטן הימל צו דער אַראָפּ —

שעפּסענע קוטשמע ער כאַפּט, סערמינגע,
גאַרטל געדרייטן פון גערשטענעם שטרוי;
דעם סענקעוואַטן שטעקן אין דער האַנט,
און פון הויז צו הויז וואַנדערט ער אַזוי.

פון ביראָבידזשאַן ביזקל תל־אביב,
פאַר עלינאָווען ס׳איז . . . פאָלג מיך אַ גאַנג!
איז ווי אין אַלע יאָרן אויך היי־יאָר,
לאָמיר אים זינגען צום סדר אַ געזאַנג.

*   *   *

ביי „שפוך חמתך" ווען אליהו
פון לאַנד צו לאַנד ער גייט, פון טיר צו טיר,



און כדי נישט פאַרשניאשקעט צו ווערן,
פון יעדן כוס קוים מיט שפּיץ־צונג אַריר.

באמת עס טרינקט זיך אים שוין צו באַלד,
אומעטום דער זעלבער לעק — „כרמל"־וויין;
פון ניו־יאָרק ביז לאָנדאָן וויא פּאַריז,
אין וועלכער יידישער שטוב קומסט אַריין.

צומאָל קאַפּהענער עסן זיך אויך צו,
ווי בטעמט נישט זיין, ווי כשר־געשמאַק;
וויאַזוי „הטוב ומטיב" מאַכן,
אַז „די בעסטע סאָרטן" כסדר רק?

איז דאָך אָבער צו אַלץ אַ גרענעץ דאָ.
ווי נאָר אַריבער אייזערנעם פאָרהאַנג
און באַלד ביי דער ערשטער יידישער טיר,
בגלופנדיק אויסגעגלייכט גלות־גאַנג:

זע, אַ פּשוטע היימישע כוסה,
נישט פון גאָלד, נישט קריסטאל — פון פּראָסטן גלאָז!
און ווי שאַרף אַ ריח־נחוח ס׳גייט אויף
אין זיין יידישלעכער עלנאַווי נאָז.

יין־צמוקים, היימישע, פּונקט ווי אַמאָל,
האָרעפּאַשנע — ווי געקוועטשט, ווי געדריקט!
לעצטן טראָפּן אַרויסצובאַקומען — —
אַהער טאַקע גאָט, ברוך הוא, מיך געשיקט.

„והשיב לב אבות על הבנים",
שווער אין דער כוסה פאַלט אַריין אַ טרער:
טאַטעניו, איז דאָס מעגלעך, וויאַזוי?
און שטאָט אַ זיפּ פאַרבייסט זיין ליפּ אַ טרער.

„גאָטעניו, ולב בנים על אבותם,
ערשט דאָס, ווי קאָנ׳ס געמאָלט זיין, ווי אַזוי?"
ריקט ער די קוטשמע איבער די אויגן
און פאַרצויגן פעסטער פּאַוורוס פון שטרוי.

זיין אויפגעציטערטע קני קוים זיך רירט,
אין „חד־גדיא" בלייבן ער אַזוי שטיין?
ביים „לשנה הבאה בירושלים"
נישט מיט־אויפצושרייען קוים ר׳האַלט זיך איין.

מ׳זאָל אים נישט דערקענען גיך ער פאַרשווינדט,
ער טאָר דאָך נישט פאַרזען מינדסט יידיש הויז!

ביזגל „שפוך חמתך“ ער מוז דאָך זיין,
אין עק וועלט, ערגסטן העק, לאַנד איין לאַנד אויס.

און ווען קיין ירושלים ער קומט,
פאַלט ער צו מיט קאָפּ צו דער כותל־וואַנט,
פון געוויין אויפגעוועקט ווערט יעדער שטיין
און זיין שאַרפע האַק ציטערט אין זיין האַנט.

## „לפיכך חייבים אנחנו להודות“

אויף דעם פאָטאָ־בילד פון די כנסת־מיטגלידער,
אין באָן, ווי ס׳ווילט זיך דאָס געבן אַ מין כראַקע;
אָבער אפשר מוזן מיר זיין כולו חייב,
אויב מען קאָן נישט ווערן כולו זכה —

פאַר משיח׳ס וועגן מוז מען אַלץ פאַרליב נעמען,
אויפן ערגסטן נישט מאַכן קיין בייזע מינע;
ווי האָט יענער תנא, — דוכט זיך ר׳ יוחנן, —
דעמלט שוין געזאָגט: „יתי ולא אחמינה“.

„לפיכך חייבים אנחנו להודות“,
דעריבער מוזן מיר כאָטש מודה זיין טאַקע,
אַז אַנשטאָט צו וואַרטן, משיח זאָל קומען,
איז עס דער „פאַנטאָם“ — דער בכל יום אחכה“.

## 19טער אפריל 1969

### א

ווי נישט געקענט משיג זיין דעם טויט
פון די זעקס מיליאָן, דעמלט געהערט,
נישט אויפצופאַסן ס׳פאַרגעסן איצט — —
אַז איבערצובלייבן מיר באַשערט.

פון דער געוואַלדיקער הרפה כאָטש
מיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט;
ווי ס׳שמעלצט אין מיר אַ לעצטער געוויין —
צאנקענדיק ליכט אין טאָג פון יאָרצייט.

דאָס לעצטע צויטל פאַלט שווער אַראָפּ,
און אינגאַנצן שוין פינסטער עס ווערט;
שטויבעלע אש מיר שיטן אויף קאָפּ,
אבלדיק מיך זעצן אויף דער ערד:

איכה — וויאַזוי דעמלט געשען,
מיליאָנען געהענגט, פאַרגאַזט, פאַרברענט
און מיר, די איבערגעבליבענע,
אַזוי שנעל עס פאַרגעסן קענעגט?



### ב

. . . און אויב נישט ווי די ווייסע טויבן,
אויפפלאַטערן ווי די שוואַרצע ראבן,
ס׳מוראדיקע יללה־געשריי
פון די, וואָס לעבעדיק באַגראָבן.

אונטער אַזעלכע קופּעס מיט אש
לעצטער פונק קיינמאָל נישט ווערט פאַרלאָשן,
טרערן פּערל־געסילע טליעט,
אַ מאַמע־לשונדיק מענעה־לשון.

האָרך ווי די יונגע גרעזער שעפּטשען,
ווי שטאָלץ ס׳שטרעקן זיך די אַלטע צווייגן!
אויב מיר פאַרגעסן — די ערד אָבער
קיינמאָל נישט קענען עס פאַרשווייגן.

### ג

וואָס שוין די הימלען ליכטיק בלויען,
בלומען באַהאנגען אין פּערל־טויען — —
מיט אַ נעפּל אַ שווערן, אַ גרויען,
איבערלאָפּענע עס ווערן די אויגן, —
פון קרעמאַטאָריעס־רויכן אָנגעצויגן.

וואָס אַז די פייגל זינגענדיק שוועבן,
פלאַטער־פרייד הימל און ערד פאַרוועבן,
זייער געזאַנג הערצער פריש באַלעבן — —
מיט געוויינען און יללה־געשרייען,
אין גאַז־קאַמער גייען רייען נאָך רייען.

די גראָזן שימערירן און גרינען,
געזשום פון שמעטערלינגען און בינען — —
אַראָפּצוגיין פון מענטשלעכן זינען,
שיידל איבער מוח נעמט זיך באַוועגן —
אַ ברידער־קבר לעבעדיקע געלעגן.

### ד

מען קען אונטערהאַקן דעם דיקסטן דעמב,
דער געדיכסטער וואַלד קאָן ווערן פאַרברענט,
אָבער ווינט כאַפּט אויף אַפּאָר זוימענדלעך,
זיי וואַקסן אויס אין אַ צווייטן וועלט־ענד.

ביז דער דעמב ווערט צוריק גרויס, ברייט און פעסט,
ערשט געדיכטער וואַלד — ס׳דויערט דורות לאַנג!
ביז דעמלט וואגלען די פייגל אַרום,
אַ יאמערן טריפט פון זייער געזאַנג.

י. ריכטיגער

# דער סאָציאַלער באַטייט פון פסח

קלאַנגען פון צעשמעטערטע שקלאַפן קייטן און גערזאַנגען פון באַפרייטע־צוואַנג־אַרבעטער הילכן איבער דורות און דורות זינט יציאת מצרים. זייער ווידער־קול איבערחזרט די געשיכטע פון מענטשס ערשטן נצחון אין קאַמף קעגן פאַרקנעכטונג פון הימלאזע און עקספּלואָטאַציע פון שוצלאָזע. פאָרשער האָבן ביז איצט ניט געפונען קיין אַרכעאָלאָגישע באַשטעטיקונג אויף דער, אין תורת משה, פאַרצייכענטער געשעעניש. זיי צווייפלען דעריבער אין דעם געשיכטלעכן אמת פון דער דערציילונג. אָבער צי איז ניט דער עיקר דער מוסר־השכל פון דער מעשה? ?—די אידיי אַז שיקאַנירן און פאַריאָכן מענטשן, וואָס שטעלן ניט קיין ווידערשטאַנד, ווייל זיי זענען אַ מינדערהייט, איז פאַרברעכעריש באַרבאַריש?

אין אמתן האָט תורת משה באַנוצט צו דערציילונג פון שעבוד מצרים פאַר אַ מוסר השכל צו ציוויליזירן די בני ישראל. זי האָט צווישן די ערשטע געזעצן וועגן גערעכטיקייט און יושר צוויין מאָל באַטאָנט — ניט צו טיראַניזירן פרעמדער וואָס וועלן וווינען אין זייער לאַנד. — „וגר לא תונה ולא תלחצנו כי גרים הייתם בארץ מצרים“: דעם פרעמדן זאָלט איר ניט קריוודען און ניט אונטערדריקן ווייל פרעמדע זייט איר געווען אין לאַנד מצרים. „שמות כ״ב) און „וגר לא תלחץ, ואתם ידעתם נפש הגר, כי גרים הייתם בארץ מצרים“: דעם פרעמדן זאָלט איר ניט אונטערדריקן, איר ווייסט דאָך דעם געמיט־צושטאַנד פון פרעמדן, ווייל פרעמדע זייט איר געווען אין לאַנד מצרים. (שמות כ״ג).

אַחוץ דעם, אָנהייבנדיק פון דער באַשרייבונג וועגן יציאת מצרים ביזן סוף פון תורת משה גייט דורך ווי אַ לייט מאָטיוו עטלעכע פירציק מאָל די וואָרענונג צו טאָלערירן דעם דענקן און לעבנסשטייגער פון „גרים“: מענטשן פון אַנדערע אידעאָלאָגיעס און מנהגים וואָס וווינען אין ארץ ישראל. (בבא מציעא נ״ד, ויקרא רבה פל״ח־ה׳) און ניט אַליין דולדן דעם פרעמדנס אַנדערשקייט, נאָר אויך באַהאַנדלען אים מיט ליבע און רחמנות. — „ואהבת את הגר לתת לו לחם ושמלה, ואהבתם את הגר, כי גרים הייתם בארץ מצרים“: אַזוי ווי דער אַלמעכטיקער האָט רחמנות אויפן פרעמדן און גיט אים ברויט און אַ קלייד, אַזוי זאָלט איר ליב האָבן דעם פרעמדן, ווייל פרעמדע זייט איר געווען אין לאַנד מצרים (דברים י׳).

דערויף האָט הלל הזקן פופצן הונדערט יאָר שפּעטער אויפגעבויעט דעם יידישן וועלט באַנעם, אַז מען זאָל ניט אנלאקן אַנדערע גלויביקע צו דער יידישער אמונה. — ווען אַ גוי איז געקומען צו הלל הזקן און געוואָלט ווערן אַ ייד בתנאי — ער זאָל אים אויסלערנען די גאַנצע תורה שטייענדיק אויף איין פוס. (אוודאי אַזוי ווי די פאָרלויפער פון קריסטנטום האָבן אין זיין צייט אנגעלאקט מיטן „ואהבת לרעך כמוך“ וואָס מען קאָן אויסלערנען שטייענדיק אויף איין פוס) האָט הלל געזאָגט צום גוי — „דעלך סני לחברך לא תעבוד זו כל התורה כולה“: וואָס דו האָסט פיינד טו ניט צו דיין פריינד איז דער תמצית פון דער גאַנצער תורה. „ואידך זיל גמור“: נאָר אַז דו ווילסט באמת ווערן אַ ייד — גיי לערן! (שבת ל״א) דאָס הייסט— אַזוי ווי מיר יידן האָבן פיינד ווען אַנדערע ווילן אונז מזכה זיין מיט זייער דענקן און לעבנסשטייגער, אַזוי זאָלן מיר ניט אַנדערע מזכה זיין מיט אונזער דענקן און לעבנסשטייגער

די וואָרענונג פון תורת משה, וואָס איז לויט הלל הזקן דער עסענץ פון יידישן וועלט באַנעם, קאָן ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ דעקלעראַציע פאַר קולטורעלע פרייהייט, ווייל איינרעדן אָדער פּראָפּאַגאַנדירן אָן אידעאָלאָגיע איז בשום אופן ניט אין קאָנטראַדיקציע צו דער אידיי פון קולטורעלע פרייהייט. אַגיטירן באַגרעניצט ניט די פרייהייט אָפּצוואַרפן די טעאָריע פון אַגיטאַטאָר. אָבער מחמת דעם וואָס ער דערוועקט שנאה און קאָנפליקטן, איז עס ניט ווייניקער אַנטיסאָציאַל פון אַרויפצווינגען, און תורת משה האָט טאַקי אָנגענומען אַז בײדע זענען גלייך. — „וגר לא תונה ולא תלחצנו“: דעם פרעמדן זאָלט איר ניט גענאַרן און ניט צווינגען.

דאָס יידישע פאָלק האָט זיך איינגעהערט צו דער וואָרענונג פון תורת משה און דעם אויספיר פון הלל הזקן. ניט קוקנדיק וואָס די צעשפּרייטקייט איז געווען צוגעפּאַסט פאַר מיסיאָנערישע אַרבעט. האָבן די יידישע קהילות אין דער דיאַספּאָרע, ניט אַליין זיך צוריקגעהאַלטן צו ווערבירן אָנהענגער פאַר זייער דענקן און לעבנסשטייגער, אין משך פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר, נאָר זיי האָבן מגייר געווען בלויז אַזעלכע, וואָס זייער איינציקער מאָטיוו צו ווערן יידן איז געווען אינערלעכע איבערצייגונג, אַז דער יידישער דענקן און לעבנסשטייגער וועט מער צופרידן שטעלן ווי זייער אייגענער. אויך איצט, נאָך דער זעלבסשטענדיקייט פון מדינת ישראל, איז דער פּרינציפּ געבליבן דערזעלבער: מען זוכט ניט אנצולאקן די ישראלים פון אַנדערע אמונות זיי זאָלן ווערן יידן.

די שונאים פון יידישן פאָלק קריטיקירן מיט אַ ציניש הומאָר דעם פּרינציפּ פון יידישער טאָלעראַנץ, אין זייער אויגן זעט דאָס אויס — רעליגיעזע סעגרעגאַציע און נאַציאָנאַלע איזאָלאַציע. זיי זענען אויפגעכאוועט געוואָרן מיט דער אידיי אַז נאָר „שפה אחת ודברים אחדים“: אָן איינהייטלעכער דענקן און לעבנסשטייגער וועט ברענגען אַן אייביקן שלום צו די מענטשנקינדער. זיי האָבן גאָרניט געלערנט פון דער דורכגעפאַלענער קריסטליכער אילוזיע, וואָס אין משך פון איר צוויי טויזנט יעריקער עקזיסטענץ האָט זי מיט איר מיסיאָנערישע אַרבעט ניט פאַרמינדערט די קאָנפליקטן און מלחמות, נאָר פאַרמערט.

אין אמתן איז די סיבה, פון קאָנפליקטן און מלחמות צווישן די מענטשנקינדער, ניט די פאַרשידנקייט פון דענקן און לעבנסשטייגער, נאָר ווייל דער שטאַרקער וויל אַרויפצווינגען זיין דענקן און לעבנסשטייגער אויפן שוואַכן. אָדער — וועגן נאַטירלעכע עקספּלאָדירונג פון עקספּאַנסיע: וואָס

מער אָנהענגער דער שטאַרקער שאַפט זיך איין אַלץ מער אומאייניקייט אַנטשטייט אין זיינע רייען, ווי מען זעט איצט די צעשפליטערונג פון קאָמוניזם אין נאַציאָנאַלע גרופן אָדער מדינות וואָס באַקעמפן איינס׳ אַנדערע.

ערשט מיט אַ האַלבן יאָר הונדערט צוריק האָט דער הויפּט־פּריסטער פון קאָמוניזם „לענין״ נביאות געזאָגט, אַז אַלע נאַציאָנאַלע מדינות וועלן פאַרשווינדן און זיך צונויפגיסן אין אַן איינציקן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אַנשטאָט דעם זענען דווקא אין משך פון די פאַרגאַנגענע פופציק יאָר אויפגעוואַקסן, ווי שוואַמען נאָך אַ רעגן, נאַציאָנאַליסטישע רעזשימען וואָס רופן זיך אָן סאָציאַליסטישע. אין אמתן זענען זיי „נאַציש״ אָדער „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע״ סיסטעמען. זיי אונטערדריקן יעדן אַנדערן דענקן און לעבנסשטייגער און זענען אָנהענגער פון שטאַט־קאַפּיטאַליזם — דאָס הייסט — אַנטי פּריוואַט אייגענטום.

מערקווירדיק איז אַזוי ווי דער נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישער פּרינציפּ ווערט אין שפּראַכלעכער פאַרקירצונג אָנגערופן נאַציזם קאָן מען צופעליק דער אַלטער טערמין „ציון״ אָדער „ציוניזם״ אַן איניציאַל פאַר „סאָציאַל־נאַציאָנאַליזם״. אָבער דאָס איז אגב אורחא. דער עיקר איז די פעסטשטעלונג אַז אין איינשטימיקייט מיט דעם יידישן וועלט באַנעם און יידישער טראַדיציע איז ציוניזם אַ „סאָציאַל־נאַציאָנאַליסטישע״ באַוועגונג. אַ באַוועגונג וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אויפן יסוד פון פרייען דיאַלאָג און אירעקזעקוטיוו רעפּרעזענטירט אַלע פּאַרטייען פון רעכטס ביז לינקס — פון רעליגיעזע יידן ביז אַנטירעליגיעזע, ניט אַזוי ווי די „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע״ אָדער „נאַציאָנאַל־ קאָמוניסטישע״ באַוועגונגען וואָס רעפּרעזענטירן בלויז איין איינציקן דענקן און לעבנסשטייגער.

ווי עס ווייזט זיך ארויס האָט אונזער נביא מיכה געהאַט אַ קלאָרערע וויזיע וועגן דער צוקונפט פון וועלט און מענטש. שוין מיט צוויי און דרייפירטל טויזנט יאָר צוריק האָט ער געזען אַז שלום צווישן די מענטשנקינדער קאָן נאָר קומען דורך אַ „סאָציאַל־נאַציאָנאַליסטישן סיסטעם. אויף דער איינגאַנג פון דער איצטיקער „פאַראייניקטע פעלקער אָרגאַניזאַציע״ זענען טאַקע אויפגעצייכענט זיינע אידעען, ניט די „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע״. — „וכתתו חרבתיהם לאתים״: זיי וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזענס . . . און ניט מער לערנען פירן מלחמה, ווען אַ מענטש וועט זיצן זיך אונטער זיין ווייַנשטאָק אָדער פייגנבוים און ניט ציטערן אַז מען וועט קאָנפיסקירן זיין אייגענטום, ווייל קיין פאָלק וועט ניט מער אַרויפצווינגען זיין דענקן און לעבנסשטייגער אויף אַנדערע פעלקער. (מיכה ד׳).

די סאָציאַל־נאַציאָנאַליסטישע״ אידיי, וואָס איז דער מוסר־השכל פון שעבוד מצרים, דאַרפן מיר איבערגעבן צו אונזערע קינדער בשעת דעם סדר. אויף אים איז אויך געזאָגט געוואָרן דער „וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משבח״: ווער עס דערציילט מער וועגן יצית מצרים איז צו



לויבן. (הגדה של פסח). בעת דער איצטיקער „נאַציאָנאַל־קאָמוניסטישער״ אַגיטאַציע קעגן יידישן פאָלק און פאַלשע פּראָפּאַגאַנדע קעגן מדינת ישראל איז אַבסאָלוט נויטיק אַז אונזערע קינדער זאָלן וויסן דעם אונטערשיד צווישן די פאַלשע איינרעדעריי און דעם היסטאָרישן אמת וועגן דעם סאָציאַלן באַטייט פון פסח.

הערי פּאַצאַנאָווסקי

## די כעלמער קאָסמאָנאַוטן

אַן אסיפה איז גערופן געוואָרן
פון וועלט־דיינים,
צווישן זיי
אויך חשובע רבנים.

די אסיפה איז גערופן געוואָרן
מיט דער כוונה
צו באַטראַכטן וואָס וועט זיין,
ווען מיר וועלן זיין אויף דער לבנה

דער פאָרזיצענדער האָט
געגעבן צו פאַרשטיין,
אַז פאַר אונז יידן
וועט עס קיין מציאה זיין . . .

„פאַקטיש״, האָט ער געזאָגט,
„מיר זענען אין אַ סכנה,
„אַז מיר וועלן אָנווערן
„די מצווה פון אַ ברכה,
„מחדש צו זיין די לבנה !״

און אַ כעלמער דיין
האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין אָרט
און געבעטן
ביים פאָרזיצער דאָס וואָרט :

„רבותי, דיינים און רבנים,
אויב איר וועט מיין עצה הערן,
וועלן מיר אָט די מצווה
גאָרנישט אָנווערן.

מיר וועלן אַ קאַפּסול נעמען
און אונטער דער לבנה גיין ;
מ׳וועט מחדש זיין די לבנה
און דאַן וועלן מיר צוריק זיין !״

אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן
אויפן פאָרזיצערס פּנים ;
און געזאָגט : „איר זעט, רבותי,
די כעלעמער זענען טאַקע קיין נאַדאָנים

דוד בערמאַן

## מיינע צוויי חדשים אין ישראל (המשך)

אַ וואָך שפּעטער בין איך געפאָרן אויף אַ באַזוך קיין ירושלים. האָב געזען די מגילות פון ים־המלח און אויך אַלע וויכטיקע אויסגראָבונגען פון גאַנץ ארץ־ישראל אין די מוזעאומס. בין אויך געווען אין מוזעאום פון מאָדערנער סקולפּטור און געזען פונדערווייטנס די נייע כנסת־געביידע. אַזוי גיך ווי נאָר מעגלעך בין איך געגאַנגען צו דער כותל־מערבי, די הייליקע וואַנט פונם בית־המקדש. פריער, במשך צוואַנציק יאָר, האָבן יידן דאָרט נישט געקענט צוקומען, איצט האָט איר דאָרט געקענט זען פיל חסידים דאַווענען. איך האָב אויך מיט געדאַוונט מיט זיי.

אויפן וועג צוריק בין איך געגאַנגען איבער מאה־שערים, דאָס קוואַרטאַל וואו אַזויפיל פרומע יידן לעבן. צומאָרגנס בין איך ווידער אַוועק קיין אַלט־ירושלים, איבערן אַראַבישן „סוק״־מאַרק, צו דער כותל־מערבי. און פונ־

דאַנען צו דער דרום־וואַנט פון בית־המקדש, וואו איך האָב פרייוויליק געהאָלפן אין משך פון צוויי טעג ביי אויסגראָבונגען. אַזיווי איך האָב דעמאָלט געטראָגן מיינע בעסטע מלבושים איז מיר שוין אַזוי אויסגעקומען צו גראָבן מיט אַ רידעל און אַ לאַפּאַטע אונטער דער הייסער זון. ביי דער דאָזיקער אויסגראָבונג איז עס מיר געלונגען צו געפינען פראַגמענטן פון מאָזאַאיקס פון ביזאַנטינישע צייטן. מאיר בן דוד, דער אָנפירער פון אָט די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, האָט מיר געגעבן צו דערקלערן, אַז מען האָפט דאָ צו אַנטדעקן זער וויכטיקע זאַכן און מעגלעך אויך געוויסע מגילות.

אַ טאָג שפּעטער האָב איך אָפּפאָטאָגראַפירט די דאָזיקע אויסגראָבונגען. אַ גרויסן זייל ביי אַ נידעריג וואַנט, וואָס איז ענלעך צו און פּאַראַלעל מיט דרום־וואַנט פון בית־המקדש. אַמאָל איז די צווייטער וואַנט אפשר געווען אַ דורכגאַנג ביים טויער פון בית־המקדש.

מען האָט געגראָבן ביז פערציק פוס די טיף, און אַסך פון דער אַלטער וואַנט קאָן מען איצט זען. זי געפינט זיך אין אַ גוטן צושטאַנד, ווייל די ערד אַרום האָט זי געשיצט און אויפבאוואַרט במשך פון צוויי טויזנט יאָר.

* * *

צוריקגעקומען אין קבוץ אַריין, האָב איך געהאַט אַ באַזוך פון מיין קוזין, געאָרג סאלינגער, מיט זיין ליבער פרוי, וואַרדיט, און זיין סאַבראַ־זון, יונהתן, וועלכע זענען געקומען צופאָרן אין אַן אויטאָ, כדי מיך צו נעמען מיט מיין פריינט יהודה אויף אַ פּיקניק־אויספלוג נישט ווייט פון צפת. עס איז געווען אַ הערלעכע געגנט. מיר האָבן פאַרברענגט אונטער פּרעכטיקע בוימער, וואָס האָבן אונז געשוצט פון דער הייסער זון, געגעסן סענדוויטשעס און פאַרטרונקען מיט ישראלידיק ביר.

מיר זענען אַוועק אָנקוקן צפת די אַלטע שטאָט, וואו מיר האָבן געהאַט דאָס גליק זיך צו באַגעגענען מיטן באַרימטן סקולפּטאָר, אהרן פריבער, אין זיין אַטעליע. ער האָט מיר דערלויבט אַראָפּצונעמען אַ פאָטאָגראַפיע פון אים און אונז דערציילט פון דער מאָנומענט, וואָס ער האָט געמאַכט אין יאָר 1949 לזכרון פון די ערשטע תושבים אין תל־אביב. ווייטער האָט ער אונז געוויזן זיינע וואונדערלעך־שיינע סקולפּטורן פון פרויען און קינדער.

* * *

אַ וואָך שפּעטער, דעם 25־סטן סעפּטעמבער, האָבן מיר אין קבוץ אויפגענומען אַ גרופּע אַרכעאָלאָגן פון העברעאישן אוניווערזיטעט אין ירושלים. איתן טשערנאָף און א. בר־יוסף האָבן אָנגעפירט מיט אָט דער גרופּע. צוויי וואָכן לאַנג האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט אויסגראָבונגען אין אַ הייל ערגעץ נישט ווייט פון צפת.

איך האָב גערן געוואָלט מיך אָנשליסן אין אָט דער אַרכעאָלאָגן־גרופּע, און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מען מיר עס דערלויבט מיטצוגיין מיט זיי. די הייל איז נישט געווען זער ווייט פונם קבוץ, אויפן וועג קיין צפת



ביים קעמעל־באַרג. דער קליינער לאַסט־אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט און נאָך פונדערווייטענס האָב איך שוין געקענט זען די הייל. זי איז געווען צוואַנציק פוס די ברייט און פינף און צוואַנציק פוס די הויך און מסתמא אַ פופציק פוס די לענג.

איך האָב געהאַט מיט מיר אַ קעסטעלע מיט פירות און מאכלים, אָבער דאָס קעסטעלע איז כסדר מיר געוואָרן שווערער און שווער צו טראָגן. האָב איך עס גענומען אויפן אַקסל, גייענדיק אַלץ העכער און העכער אויפן באַרג צו דער הייל. אָט בין איך שוין אין דער הייל גופא און מוז אַראָפּלאָזן מיין שווערע לאַסט אויף דער ערד און מיך אַנידערזעצן אַ ווײַלע אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם.

אין דער הייל האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט אַן אויסגראָבונג אין שייכות מיט דער שטיין־עפּאָכע פון אַן ערך צען טויזנט ביז צוואַנציק טויזנט יאָר צוריק. איך פערזענלעך האָט אַנטדעקט אַ שטיינער־קרייז, שטיקער ביין פון חיות און קראַמען שטיינער. די אַרכעאָלאָגן איז עס געלונגען צו געפינען דריי גאַנצע סקעלעטן, וואָס איינער פון זיי איז מסתמא צוואַנציק טויזנט יאָר אַלט. עד־היום האָבן זיי געפונען נישט ווייניקער ווי ניין אַזעלכע סקעלעטן, אָבער מען האָפט צו געפינען מענטשלעכע ביינער פון אַ צייט פון פערציק טויזנט יאָר צוריק און מער.

די אויסגעגראָבענע ערד האָט מען געמוזט אַדורכזיפּן מיט אַ קליינער זיפּ מחוץ דער הייל. אַלס פּועל־יוצא האָט מיין פנים אויסגעזען ווי דאָס פנים פון אַ קרוימענקערער, ווייל דער ווינט האָט מיר כסדר געבלאָזן דעם שטויב אין די אויגן און אין פנים אַריין.

בשעת כ׳בין געווען אַזוי פאַרנומען מיט דער אַרבעט איז אַן אַראַביש יינגל, אַ פּאַסטוכל, אַריינגעקומען אין דער הייל און זיך צוגעקוקט ווי מיר אַרבעטן. ווייל איך אַליין האָב מיך אויך אַמאָל פאַרנומען מיט פּאַשען בהמות, האָב איך מיך פאַראינטערעסירט מיט אָט דעם אַראַבישן יונגן פּאַסטוך. האָב באַמערקט ווי זיינע שאָף וואַנדערן איבער פעלד און טאָל. אָבער מיטאַמאָל האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ געשריי: „ארררר־ארררר!“ און אַלע שאָף האָבן זיך אומגעקערט צוריק. ער האָט זיך צעלאַכט און איז אַוועק צו זיינע בהמות.

זייענדיק אין קבוץ, האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט אויססאָרטירן און רייניקן די קראַמען שטיינער, וואָס מיר האָבן געפונען אין דער הייל.

(שלוס אין קומענדיקן נומער)

א. נ. שטענצל

## נאַכאַמאַל ד״ר עליאשעוו

ביים אַרויסגיין פונם תפיסה־טויער, וואָס האָט זיך באַלד הינטער מיר פאַרהאַקט מיט פאַרזשאַווערטן קלאַפּ, האָב איך מיך געפילט די ערשטע רגע ווי אדם — אַן אַרויסגעטריבענער פון גן־עדן. די זיבן וואָכן האָבן געאַרבעט אין מיר מיט זייער אינערציע־כוח; דער אַנדערער אַרום, די פרעמדע לופט —

כ׳האָב געמוזט דעם אָטעם כאַפּן! באַלד האָט זיך געהערט דאָס זשאַווערנדיקע געקריץ פון זאַוויאַסעס ווי די חרבֿ־המהפּכת — דאָס געפענקעניש־טויער האָט זיך ווידער געטון אַן עפן־אויף און אַרויסגעקומען איז אַ מענטש, אַ ריז מיט אַ קאַנטיק פּנים — אַן אמתער אדם־הראשון, אַן אדם־הקדמון, אַ תושב דאָ מן־הסתם שוין פון כמה יאָרן. אים האָט אָפּגעוואַרט טאַקע זיין חוה. און שוין שלענגלט זי זיך אַרום זיין האַלז. זייער פרייד־געשריי, און דעם טויער־שליסערס לאַכנדיקער אויסרוף צו מיר: „דו שטייסט נאָך היער?!“ האָב איך אַ שמייכל געטון צו מיר: באמת, ס׳וואָלט נישט נאָר ראָמאַנטישער געווען ווען גוסטאַ וואַרט מיך אָפּ דאָ, נאָר ס׳וואָלט לייכטער געווען און לייטישער אויסגעזעען. טאַקע, וואָס שטיי איך דאָ? אָבער וואוהין גיין אַצינד? אין דער האַנט האָב איך נאָך געהאַלטן פאַרקוועטשט דעם צעטעלע, וואָס מ׳האָט מיר געגעבן אין דער תּפיסה־קאַנצליי: „בינען דריי טאָג פאַרלאָזן דאָס לאַנד“.

כ׳האָב טיף איינגעאָטעמט די שאַרפע, פרישע לופט, אַריינעמענדיק אין מיר דעם אָפענעם אַרום פאַרלעגן געשמייכלט, אָבער מיט הנאה: יעקע — און אין קאָפּ האָט מיר אַ בליץ געטון דאָס לשון־קודשדיקע „איכה“ פונם וואָרט „וואו ביסטו?“ פון לוטערס תּפיסה־ביבל . . .

מ׳האָט מיך פאַר קיין געריכט נישט געבּרענגט, אָבער דער געפענקעניש־באַאַמטער, מיר געבנדיק דאָס צעטעלע, מיך אָנקוקנדיק מיט שאַרפע, ביסטרע אויגן, האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַלע מיינע גענג דאָ זענען באַקאַנט . . . דייטשלאַנד איז אַ דעמאָקראַטיש לאַנד . . . און אַזעלכע פאַרשוינען זענען בכלל אומגעוואונטשן . . .

איך שטיי נאָך אַלץ ווי אַ נאַר אויפן מאַרק און קוועטש דאָס „צעטעלע“, דעם וויראַק הייסט עס, צווישן מיינע פינגער. איך קוועטש עס, אָבער עס וויל נישט צעגיין; עס איז אַלץ דאָ צווישן מיינע פינגער. „יעקע נאַר“, שעפּטשען שוין מיינע ליפּן, אָבער נישט מער פאַרלעגן — די אינערציע, אַפּנים, האָט אָפּגעלאָזט, איז שוואַכער געוואָרן און די פיס ווערן נערוועז.—

הכלל, וואוהין לאָזט מען זיך? אפשר אַראָפּגיין אין אויגוסט־שטראַסע צום יידישן אַרבעטס־אַמט און זוכן הילף? . . . ווידער אָנהייבן פון בראשית? . . . שמואל, מאַקס, מאַסטבוים, שיע, און אויסלאָזן וועט זיך מיטן געשלאָסענעם שידוך — אברהם מרגליות האָט דאָך דעם יידישלעכן שכל־הישר . . .

כ׳האָב מיך דערמאָנט, אַז קריגנדיק צוריק מיינע זאַכן ביים אַרויסקומען פון דער צעל, איז צווישן מיין ביסל פּאַפּירענע מאַרקן אויך געלעגן ד״ר עליאַשעווס אַדרעס פון כלל־פאַרלאַג, וואָס ער האָט מיר געגעבן מיט אַן אָנדייט, מיט אַ וואונק: קומט אַרויף. אפשר וועט זיך עפּעס מאַכן.

כ׳האָב מיך געלאָזן אויף גאָטס באַראַט, מיך שטיצנדיק אויפן מאמר: בדרך שאדם רוצה לילך רגליו מוליכין אותו. די נערוועזיטעט פון מיינע פיס האָט שוין אָנגעשטעקט מיין גאַנצן קערפּער. —

קודם די אויגוסט־שטראַסע. בין איך דאָך שולדיק מאַכן אַ באַזוך . . .



און גוסטען בין איך נישט שולדיק? . . . און אפשר גאָר אין יידישן אַרבעטס־אַמט, אָדער גאָר ביי שמואלן וועל איך געפינען וואַוטשעס אַדרעס.

אָבער פאַרבייגייענדיק פאַרן הויז, וואו בערגעלסאָן האָט געוואוינט, האָב איך דערפילט, אַז איך קוועטש נאָך אַלץ דאָס „צעטעלע“ צווישן די פינגער. איך האָב עס שנעל אין דער הויזן־קעשענע אַריינגעשטופּט: אַז איך זאָל פאַרבייגיין פאַר דער טיר, וואָלט דאָך עס געהייסן, אַז איך מייד זי אויס . . . איז עס די מעשה פון די שמואל־„לעגענדע“ אָדער שוין אַרעסטאַנטן־פּסיכאָלאָגיע? . . .

בערגעלסאָן האָט זיך מיט מיר דערפרייט! אין דער איינזאַמקייט דער פרייט מען זיך מיט אַ קרבן, האָב איך אַ טראַכט געטון. דאָס וואָרט „קרבן“ וואָס האָט אויף קאָוויאַרניע־זשאַרגאָן געמיינט האָבן אַ מענטש מ׳זאָל אים פאַרנודיען מיט רייד, האָט אין מיין געדאַנק איצט אָנגענומען דעם טייטש — אַ געליטענער, אַ קרבן — צי דערקענט ער אין מיר פון וואו איך קום איצט? . . . שמעקט איך נישט מיט תּפיסה־לופט? . . .

אין זיין אַליין זיין אין די ערשטע פּאָר חדשים, אינמיטן דער פרעמדער, רוישיקער שטאָט, וואַרטנדיק אויף די פּאָר אָוונט־שעה אין ראָמאַנישן קאַפע, האָט ער זיך דערפרייט, האָבנדיק וועם זיך אָנצואוואַרפן מיט זיין גאַנצער שיחה־חולין באַריידעוודיקייט. די שורה גרויסע ציין איז אים תאוותדיק אַרויס פון דער אונטערשטער, שווערער ליפּ און ליכטיק באַשטראַלט זיין מיט קנייטשן צעריסן פּנים און זיינע באַריידעוודיקע קלוגע אויגן — זיי חלשן ממש נאָך עפּעס אַ שמועותל

— וואו שטעקט איר? מ׳ברויך זיך נאָר צו פאַרשטעקן, זוכט מען שוין איינעם אַרום ווי מיט שטעקבריוו . . .

קודם בין איך געוואויער געוואָרן, אַז די קולטור־ליגע האָט אויך שוין געגרינדעט אַ פאַרלאַג און עס גרייט זיך עפּעס אַ קונסט־זשורנאַל, אַן עסטעטישער, אומפּאַרטייאישער און דער נאָמען איז טאַקע „כצפּיחת בדבש“ — „דער מילגרוים“! און אַז די היגע, די תּושבים, „דער וועג“ פון די קליינבירגערלעכע פּועלי־ציון האָט אויך דאָ צוריק אויפגעוואַכט — אַ שטורעם אין אַ גלאָז וואַסער, ס׳זאָל זיך נאָר נישט צו גיך אויסלייטערן — דאָס זענען אַלץ בליץ־אַפּלייטערס . . .

ווען כ׳בין אַראָפּ פון בערגעלסאָנען, האָב איך שוין געהאַט אַן אויסגעלייענטן נומער פון „וועג“ מיט מיר. און ס׳איז שוין געווען נאָך אַ טעם, אַז מיין וועג זאָל מיך פירן צו דער אויגוסט־שטראַסע.

טאַקע אויפן זעלבן שטאָק פונם יידישן אַרבעטס־אַמט איז אויף אַ טיר געווען צוגעקלעפּט אַ שילדל: רעדאַקציע — „דער וועג“.

באַלד ביים עפענען די טיר זעענדיק דעם בעל־הביתיש באַלייבטן, שווער־זיצנדיקן, גאַנץ אויספילנדיקן דעם ברייטן זעסל „שווערן ייד“, מלך ניישטאַדט, מיך אויפנעמענדיק מיט אַ קראַקעווער „ברוך־הבא“־העפלעכקייט, האָט מיך אַ היימישקייט אַרומגענומען. איז עס געווען מיין ברייט־

זאַגלעמביער לשון אין זיין מויל אָדער זיין קראַקעווער צעלייגטקייט? . . .

דער שרייבטיש איז געווען באַלייגט מיט קאָרעקטור־בויגנס און האַלטנדיק אַזאַ בויגן אין דער האַנט, איבעררייסנדיק אינמיטן לייענען, האָט מען נאָך געזען די פּיזישע הנאה אויף זיינע פולע ליפּן וואָס ער האָט געהאַט בשעת מעשה.

עס איז שוין געווען בכדי־שיעה, אַז איך זאָל כאַפּן אַ בליק צו זען, אַז ס׳ווערט געפייערט אַ בעל־מחשבות יובל, אַז ד״ר עליאַשעוו פייערט די טעג זיין פופציקסטן געבוירן־טאָג און איידער נאָך ער איז געקומען מיט זיין שאלה, וואָס מיין בקשה איז, האָב איך אים געזאָגט כ׳האָב אים אַ ליד געווידמעט, דעם בעל־יובל. ער האָט זיך זער דערפריידט. ס׳איז אים ממש אַריינגעפאַלן ווי אַ געבראָטנס — די ליפּן אויף זיין קיילעכדיק, ברייט פּנים האָבן זיך צעגלאַנצט מיט פּיזישער הנאה.

איך האָב אַרויסגענומען פון מיין בוזעם־טאַש ס׳ביסל לידער, געשריבן אין מיין תפיסה־צעל געמישט און מיך אָפּגעשטעלט אויפן „איוב־ליד״, ווי ער זיצט אויף אַ קופּע צעבראָכענע זונען און לבנות און ער קראַצט מיט די שאַרבן זיין קרעציק לייב — ס׳איז מסתם געווען ס׳בעסטע ליד פון דער סעריע — ס׳איז אָבער אויך געווען מיין געפיל, אַז עס איז דאָס פּאַסיקסטע פאַר עליאַשעוון, כאָטש ס׳איז גאָרנישט אַזוי פייערלעך פאַר אַ ווידמונג, פאַר אַ יובל־שמחה.

כ׳האָב מיט מיין בליישטיפט צוגעשריבן די ווידמונג אויפן ליד, אויף אַזאַ אופן, אַז דער רעדאַקטאָר זאָל מיינען, אַז כ׳בעסער אויס אַ פערז; נישט מערקן, אַז דער ווידמונג־איינפאַל איז מיר ערשט איצט געקומען . . . וואו האָב איך דאָס געשטעקט די גאַנצע וואָכן, אַז איך — אַ יונגער פּאָעט! — האָב לגמרי גאָרנישט געוואוסט פון דעם ליטעראַרישן יום־טוב, וואָס גרייט זיך דאָ.

אַפּנים דער אַרעסטאַנטן־דעפּעקט אַרבעט נישקשהדיק אין מיר! . . .

איך האָב מיך וואָס שנעלער געוואָלט אָפּטראָגן פון דער העפּלעכער, קראַקעווער אַטמאָספערע; פון דעם שווער־לייביקן, האַרציקן ייד, אַז איך זאָל נישט, חלילה, קומען לידי־נסיון אַרויסכאַפּן דאָס „צעטעלע״ פון מיין הויזן־טאַש . . .

* * *

אין יענע יאָרן, אין דער ענגשאַפט פון דירות אין בערלין, האָט מען פון בוידעמער, פון שטאַלן געמאַכט וואוינונגען. די טיכטיקע גיטעלע, וויעוויאָרקעס אשת־חיל, האָט פון אַ פינסטערן קעלער אין אַ ליקל הינטער דער גרענאַדיר־שטראַסע — ממש אַ קעלער אָן פענסטער, אָן אַ פאַדלאָגע—צונויפגעבאַדעוועט אַ דירה.

די טיכטיקע גיטעלע האָט דעם שוואַרצן קעלער־באָדן אויסגעשיט מיט געלען זאַמד, אים באַלויכטן מיט אַ קאַפּטשעדיקן נאַפט־לאַמפּ. אַ וואַרעמע אַרבעס־זופּ האָט כסדר געפּאַרעוועט אויפן רייכערדיקן, אייזערנעם אויוועלע און מיט אירע פאָלקסלידער־געזאַנגען, איינוויגנדיק איר וויינענדיק עופהלע



אין אַרעם, איז פול געווען דאָס אָרעמע חדרל — ס׳איז פול געווען מיט אַ מין היימישע שבת־שטימונג געמיטלעכקייט.

דאָס חדרל איז געווען פול מיט פּאַפּיראָסן־רויך, מיט פּאַרטיי־דיסקוסיעס, מיט ליטעראַרישע מחלוקהלעך, רכילותלעך און מיט אַ קערטל, אויב ס׳איז נאָר געווען אַ פּערטע האַנט. מ׳האָט די לופט געקענט שניידן ווי מיט אַ מעסער! און וואָוטשע איז זיך געזעסן כמלך בגדוד, גערייכערט אַ ציגאַרעטל נאָך אַ ציגאַרעטל און די מונדשטיקלעך נאָר אַזוי געשפּיגן, מיט אַ קלוג־ביטער שמייכעלע, אויף דער זאַמדיק־גאָלדענער פּאַדלאָגע.

דאָ האָב איך מיך ווידער צונויפגעטראָפן וויינטרויבן — דאָס זעלבע קיילעכדיקע קאָפּעלישל אויפן קאָפּ, קייענדיק דאָס פאַרחלשטע פּייקעלע און ציענדיק דאָס עליוש־פאַרשאַרצטע נעזעלע בהלם־אחת, נישט אַרויסלאָזנדיק די לעדערנע אַקטן־טאַש פון אונטערן אַרעם — שוין אַ האַלבער דאָקטאָר און אַ גאַנצער ליטעראַט און געהייסן שוין האָט ער זיוו. נאָך די סטודענטן־מיטאָגלעך האָט ער זיך ערשט דערוואַרעמט דאָ מיט אַזאַ הייסן, בטעמטן טעלער אַרבעס־זופּ. און איך, שוין בענקענדיק אַ גאַנצן טאָג נאָך דעם חזירשן נזיד־עדשים פון געפּענקעניש, האָב ערשט דערפילט וואָס עס הייסט אַ געשמאַקער טעלער אַרבעס־זופּ מיט אַ כשרן מאַרך־ביין.

שפּעט ביינאַכט, חברה איז זיך צעקראָכן, אַראָפּגעדרייט אַ קאַפּעטשקע דעם לאַמפּ, אויפגעעפנט אַביסל די טיר, האָט זיך ערשט אַרויסגעזען, אַז ס׳איז פאַראַן אין שטוב אַ בעט. די צוויי קליינע מיידעלעך, וואָס זענען געזעסן שטילע, פאַרשלאָפענע, זיך טוליענדיק אין אַ פינסטער ווינקל, האָט מען אויסגעבעט אויף בענקלעך, און איך בין אויך שוין אַזוי געבליבן זיצן אויף אַ בענקל ביז ס׳האָט גענומען „טאָגן״ — ביז דאָס קינד אין קייבערל האָט גענומען וויינען, די מיידלעך אויף די אויסגעבעטע בענקלעך האָבן זיך גענומען אַרומשלאָגן, דער נאַפט לאַמפּ אויפן טיש גענומען קאַפּעטשען און דאָס שטיבל איז פול געוואָרן מיט געזאַנג פון יידישע פאָלקסלידער.

אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר ביידע געבלאָנקעט אין די הינטער־געסלעך, אַרויסגעקומען אויף דער גרענאַדיר־שטראַסע, זיך אָבער־און־ווידער אַריינגעכאַפּט צו יאַנטלען אויסצוטרינקען אַ גלאָז ביר — די קעלן זענען אונז אויסגעטרוקנט געוואָרן פון אַזויפיל וואָס מיר האָבן זיך געהאַט צו דערציילן איינער דעם אַנדערן. ס׳איז געקומען אָוונט, איז וויעוויאָרקע געגאַנגען צו דער חברה, וואָס וואַרטן אונטן אין קעלער און איך האָב מיך געלאָזן גיין צום ראָמאַנישן קאַפּעע.

אַריינקומענדיק דורך דער דריי־טיר, האָב איך געזען ד״ר עליאַשעוון זיצן הינטן אונטערן שפּיגל אויף דער פּליושענער באַנק. ער האָט געקוקט אויף דער דריי־טיר, גלייך ער דערוואַרט עמיצן. כ׳בין צו אים צו און אים באַגריסט צו זיין ווערן אַ בן־חמישים, און ער האָט מיך איינגעלאַדן צו דער אָפּיציעלער שמחה. פּלוצלינג אָבער אַנשטאָט מיך איינצולאַדן צו זיצן צו אַ טעפּעלע קאַווע מיט געבעקס, ווי תמיד, שפּרינגט ער גיך אויף

און זיין גלאַט־ראַזירט פּנים באַקומט אַן ערנסט אויסזעען. איך, מיט מיין פּריש־געבאַקענעם קאָמפּלעקס, האָב שוין ווידער גענומען מיינען . . . ער אָבער שטייט אין זיין גרויסן ערנסט, פאַרויס קוקנדיק און רעדט צו מיר מיט געציילטע ווערטער: „איר זעט, אויבן איז אַריינגעקומען נחום סאָקאָלאָוו. פאַר דעם גרויסן ייד מוז מען זיך אויפשטעלן“.

ס׳האָט אַ ווייל גענומען ביז סאָקאָלאָוו איז מיט זיינע בנעימותדיקע תלמיד־חכם שריט צוגעקומען. האָב איך דערווייל צייט געהאַט מיך אַרומצוקוקן, און דערזע די לאַסקער־שילער ווי זי זיצט, אַ שוואַרצע, אַ טרויעריקע, אַ פאַרצווייפלטע, אַ פון „גאָט־פאַרלאָזענע“ . . . איך האָב מיך שנעל געזעגנט און בין צו איר אַהין. כ׳האָב אפילו נישט געמערקט די באַגעגנג נחום סאָקאָלאָווס מיט ד״ר עליאשעוו.

עס איז שוין געווען לאַנג נאָך חצות ווען כ׳בין אַרויס פונם נאלענדאָרף־האָטעל, דעם קאָלנער אויפגעשטעלט; די הענט טיף אין די טאַשן, האָב איך דערטאַפּט דאָס תפיסה־צעטעלע“. ס׳איז שוין געווען דער סוף פונם דריטן טאָג. אין די דריי טעג איז עס אפילו געווען אַ גוטע שמירה ביי אַן אבלאָווע — כ׳האָב מיט שמייכלענדיקער הנאה געלאָזן עס אויפפליען אינם קאַלטן ווינט: „יעקע נאַר“ . . .

די יובל־שמחה האָט געטראָגן אַ יעקישן כאַראַקטער. די בני־ברית לאָזשע־מיטגלידער זענען געווען די מחותנים און מיר די געסט—אַ מין חתונה אויפן בית־החיים! שוין פאַ־כופיע, נאָך די גראַטולאַציעס און דרשות, זע איך דעם בעל־היובל שטיין אין סמאָקינג — דאָס שוואַרצע שלייפל אויף דער ווייס־געקראַכמאַליעטער ברוסט ווי ס׳וואָלט געציטערט אויפן שוואַרצן שנירל, וואָס הענגט אַראָפּ פונם צוויקער — די פריש־פריזירטע האָר גלאַנצן נאָך מיט זייער גראדן שרינט, אָבער דער בעל־השמחה, שטייט אַן אויס־געלאָשענער מיט עפּעס אַ מין רעם אין דער האַנט. איך קוק צו אים צו, נעמט ער מיך אונטערן ארעם. איך וויל נעמען די רעם פון זיין האַנט, ווייל איך שפּיר דאָס נעמען מיך אונטערן ארעם איז ווייל ער זוכט אַן אָנלען — זיין זיך פאַרשאַרפטע קראַנקהייט, דאָס נעמען איצט אפשר אַן איבריק גלעזל . . . דער עיקר, מסתם, דאָס זיין באַנומען מיטן גרויסן כבוד, וואָס מ׳האָט אים אָנגעטון . . . ווייל אין תוך איז ד״ר עליאשעוו געווען דער עניוותדיקסטער מענטש, וואָס איך האָב געקענט; אַן אייראָפּעאישער עסטעט און אַן איידעלער בעל־מידות.

מיר זענען געווען די לעצטע ביים פאַרלאָזן דעם גרויסן, טונקעלען זאַאַל. די צוויי־דריי מנינים אַרום ביים עלעגאַנטן, געדעקטן טיש, זענען עפּעס ווי אין געהיים פאַרשוואונדן איינער נאָכן אַנדערן. איך הער דאָס נערוועזע שלעפּן פון זיין פוס . . . ער זעט אויס ווי אַ פאַרלוירן יינגל, אַ פאַר־לוירן סטודענטל, איבערגעלאָזן אין אַ פרעמדער שטאָט אויף גאָטס באַראַט.

„איר האָט געזעען מיט וועם מיין פרוי איז אַוועקגעגאַנגען, ווער ס׳האָט זי באַגלייט? דאַכט זיך שניאור?“ . . . הער איך אומבאַהאָלפענע, אויסגעלאָשענע ווערטער.



אַרויסקומענדיק אויף דער קלייזט־שטראַסע, אויפן אָפענעם וויטנבערג־פּלאַץ, אין געבלענד פון די לעמפּ, פון די רעקלאַמעס, פון זיין רעיונות, שטייט ער אַ נישט דאַאיקער. וואו איז ער דען אַריינגעפאַלן? ס׳רוישן פאַרביי די קלינגענדיקע טראַמווייען, די שופר־בלאָזנדיקע אויטאָס. פּלוצלינג וואַקלט פאַרביי אַ דראָשקע. ער ווערט אויפגעלויכטן, באַלעבט און שרייט הילכיק היימישלעך אויס: „איזוואָשטשיק!“

מיר זעצן זיך אַריין אין דער דראָשקע. דער דראָשקאַזש דרייט אויס דעם קאָפּ פרעגן „וואוהין?“ איך ווייז אים: „קורפירסטן־דאַם“. ער דרייט מיטן קאָפּ: „צוויי באַשוויפּטע רוסן“. רעדט ער צו זיך שטיל, צוריק אויס־דרייען און גיט אַ קנאַל מיט דער בייטש: „צום לונא־פּאַרק, יאָ?“

עליאשעוו איז נאָך אין דער אויפגעלויכטענער, באַלעבטער שטימונג:

„צוויי זאַכן האָבן מיך היינט אַוונט געפריידט. שלום אש דעפּעשע . . . אַז ער האָט געדענקט אין מיר, נישט מיך פאַרגעסן . . . און דאָס בילד פון שאַגאַלן . . .“ ער האָט עס די גאַנצע צייט נישט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט, ווי אַ קינד, וואָס פריידט זיך מיט זיין געבורטסטאָג־געשאַנק. ער האָט דעם רעם אויסגעדרייט. ס׳איז געווען אַ פּאָרטרעט־צייכנונג פון דר. עליאשעוו,גע־מאַכט אין אַ פאַרהונגערטער, קאַלטער נאַכט אין מאָסקווע“ . . .

ער האָט מיך נאָכאַמאָל געפרעגט צי כ׳האָב געזעען מיט וועם זיין פרוי איז געגאַנגען. צי ס׳איז טאַקע געווען שניאור. „אים פאַרגין איך . . .“ כ׳האָב געפילט ווי זיין פוס צוקט אים . . .

---

נאָך איין מאָל האָב איך אים געזעען. אַפּאָר חדשים שפּעטער אין אַ סאַנאַטאָריום אין טעגל יום־כפור, אין דער נעילה־שעה. ווי נאָר ס׳איז געוואָרן נאַכט, איז ער אַרויס אין קאָרידאָר צום טעלעפאָן און צוריקגעקומען אַ צעשטראַלטער: זיין זון, וואָס איז דאָס יאָר, מסתם, געוואָרן בר־מצווה האָט דעם גאַנצן טאָג געפאַסט.

איז געווען די שמחה ווייל זיין זון איז אַזוי יידישלעך, אַז ער האַלט פונם תענית און געפאַסט דעם גאַנצן טאָג, צי ווייל זיין זון איז אַזאַ שטאַרקער, אַזאַ געזונטער און אויסגעהאַלטן איבער אַ מעת־לעת, זעקס און צוואַנציק שעה צו פאַסטן און גאָרנישט טועם צו זיין? ער האָט געשטראַלט פאַר שמחה?

דאָס דעפּיבערטע פּנים מיט די צעשטראַלטע אויגן דורכן צוויקער זע איך תמיד, ווען כ׳דערמאָן מיך אין אים, אין ליבן ד״ר עליאשעוו, דעם ערנסטן בעל־מחשבות, דעם געטרייען דינער פון דער יידישער ליטעראַטור.

## ד ר י י  ל י ד ע ר

גאָלדן אויפגעגאַנגען די בעז־צווייגן,
ווי ווייס צעשטויטן וועט באַלד דער יאַסמין;
ווען דו נישט געווען, זיי״ס דען נישט געטון?
נישט געזומט, געטאַנצט אַרום די בין?

און ווען איך וועל שוין נישט זיצן דאָ,
צי וועט פויגל נישט זינגען אויף שפּיץ בוים ?
ס׳איז מיין ליד צו דיר אַצינד פּונקט אַזוי,
ווי ס׳וואָלט עס ווער געשעפּטשעט מיר אין טרוים.

רייס אים מיר נישט איבער מיט דיין געטשוויטש,
ווי ליבלעך, ווי זיס אַ חלום קאָן זיין ;
כסדר שוועבט דער טויט אין מיין געדאַנק,
קאָשמאַר איבעררייסט — דער טויט נאָר אַליין.

לאָמיך מיט פרייד אויפמאַכן די אייגן,
באַוווּנדערן דעם צעצוויטעטן בעז ;
ווער ווייסט צי כ׳וועל נאָך באַווייזן ווען ווייס — —
יאַסמין דערמאָנט מיך תמיד אין אַ מת.

גאָלדן אויפגעגאַנגען די בעז־צווייגן,
און דער פויגל ווי וווּנדערלעך ער שוועבט ;
בלויז צי וואָלט דען דאָס אַלץ נישט געווען,
ווען איך וואָלט דעם פרילינג נישט מער דערלעבט ?

ווי ווייס צעטוויטן וועט באַלד דער יאַסמין,
בלויז וועט ער דערמאָנען וועם אין דיין טויט ?
האָט ווער דען ווי איך טיף איינגעאָטעמט,
דיין זון־דורכזיקטיק־ ווייס־צעשטראַלטע הויט ?

2

ווי קומט אַ פויגל אויף הימל דאָ,
צי איז ער דען ?  בלויז זיין געזאַנג !
און צי זיץ איך דען אויף דער באַנק דאָ ?
כ׳בין דאָך שוין נישטאָ פון אַזוי לאַנג.

צי האָט דען נישט געזונגען פאַר אים ?
און וועט עס דען נישט זינגען נאָך מיר ?
ס׳איז די אייביקייט, וואָס הערט נישט אויף —
טיאַך, טיאַך, טיאַך — איר שיר־השירים שיר.

אַז „עזה כמות אהבה״,
פאַרוואָס נישט צום טויט זינגען אַ ליד
פּונקט ווי צו דער ליבע געזונגען ?
ס׳צייטיקט דאָך ערשט ווען שוין אָפּגעבליט. —

עס איז דאָך די זאַפטיקע פּרי,
נישט דער פאַרביקער קנאָספּ, וואָס פּלאַצט אויף !
און ערשט זוימענדל פאַרן פאַרזיי
אַזוי אין אומענדלעך, אין אין־סוף.



„אַז נישט אַזוי דער שיינער פויגל״ —
ווי ס׳קורצע לעבן פאַרביי ער פליט ! —
עס איז דאָך זיין וואונדערלעך געזאַנג,
אייביק ווי דער טויט, ווי ס׳ליבע ליד.

צי זיץ איך דען אויף גאָרטן־באַנק דאָ ?
און צו דער, וואָס כ׳זינג, צי לעבט זי נאָך ?
איר גאַנג פאַר מיין בליק און אַ געזאַנג
אין מיין האַרץ קלאַפּט זיך אויס : טיאַך, טיאַך, טיאַך.

3

אָן אָטעם פון דער מאַמע ערד באַהויכט,
וואָס איז פרוכט, וואָס איז בליט און וואָס איז זוים ?
אָן אויפשטראַלנדיקע זון, שטאַרק און גרויס,
וואָס הימל־בלוי, וואָלקנדל־גאָלדן־זוים ?

און האָט ווער שוין די זונען אָפּגעציילט,
אַרום זיי די גלגלים אָן אַ צאָל ?
און ווי איך דאָ אין גאָרטן אויף ברעג־באַנק,
אויף שפּיץ־פּעלדז ווער געטראַכט שוין לאַנג אַמאָל.

אַז וואָס בין איך דען אויפן ברעג באַנק דאָ,
א שטויבעלע אין זון־שטראַלן געשוועב ;
„אַז איך דענק לעב איך !״ קוים מענטש זיך דערטראַכט — —
יאָ, כ׳וועל דיך געדענקן ווי לאַנג איך לעב.

און שפּעטער ?  נישט מער לאַנג דויערן עס וועט,
צוויי שטויבעלעך ערד מ׳וועלן דעמלט זיין ;
איבער מיר דאָס פייגעלע, ווי ס׳שוועבט, ווי ס׳לעבט — —
סתם אַזוי, מ׳קאָן דען זינגען אַזוי שיין ?

ביים צוריק אַהיימגיין פון גערטנדל,
אויף מיין הויף געלעגן אַ טויטער ראַץ — —
אַ גאַנצע נאַכט וועט עס היינט קוויטשען,
און איך וועל מיך וואַרפן אויפן מאַטראַץ.

אַז נאָך וואָס איז דען דאָס אַלצדינג, אַ גאָט ?
מיט מיין פּיצל געדאַנק, כ׳קאָנס נישט פאַרשטיין !
אָבער אַ דאַנק דיר פאַר רגע אויף באַנק —
שטויבל אין צעטאַנצט־צעשטראַלן זון־שיין.

## די פּטירה פונם קאַצקער

ער האָט שוין אַלעמען אַריינגעלאָזט,
זאָלן זיי זען וואָס פון אַ מענטשן ווערט :
געפּאַקט ס׳חדר־המיוחד, קאָפּ אויף קאָפּ,

און ער צו דער וואַנט אומגעקערט.

מ׳הערט ווי די שטשורעס שאַרן זיך אַרום,
ווי אינם ספרים־אַלמער אַ מויז שאַרכט;
כאדם אחד דער עולם צונויפגעקוועטשט,
מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם מען האָרכט.

ווי ס׳האַרץ אַרבעט — אַ דעמב ווערט אונטערגעזעגט!
נאָך איין זעג און דער עץ־החיים פאַלט — — —
אַז נישט אויסגיין צוזאַמען מיט זיין שווער,
ר׳ איטשע־מאיר אברהמלען פעסט האַלט.

„הנאהבים והנעימים בחייהם״ — —
מסתם איז ער אַצינד משיג דעם טויט!
אינגאַנצן אַן אויסגעטוענער ליגט ער
פון נחש־הקדמון׳ס שוין לעצטער הויט.

פלוצלינג מיט אַלע זיינע בלעטער אַ דעמב
אין פרילינג־ווינט — פון וואַנט ער דרייט זיך אויס:
„איטשע־מאיר, עפן דאָך אויף דאָס פענסטער,
די נשמה וויל, פאַרגעבנס, אַרויס״ —

אַלע הערצער האָבן זיך מיט אָפּגעשטעלט,
דער אומרו פון דער צייט געבליבן שטיין,
ס׳מייזל פון ספרים־שאַנק קוקט דערשראָקן שטיל,
די שטשורעס שטשירען ווייס־געשליפענע ציין.

## ס׳נסתלק ווערן פון חדושי־„הרים״

אין די בית־מדרשים זאָגט מען תהילים,
אין די שולן רייסט מען ס׳ארון־קודש איין,
פון גאַנץ קרוין־פוילן קומט מען אָנצופאָרן,
ס׳שטעטל גער גרויסער וואָלקן־בראָך געוויין.

דער גאון בישראל, דער ראש־הגולה,
נסתלק גייט ווערן פון דער שפּלער וועלט;
אַרום זיין בעט אַלע גדולי־ישראל,
ששים גבורים גוטע־יידן אַרומגעשטעלט.

אין ווינקל וואַרקעט וואָרקער „מעבר־יבוק״,
דעם וואַרשעווער פּראָפעסער לאָזט מען שוין נישט צו;
צרופים מצרף איז דער צוויזמער צדיק,
על פי האר״י — „לשם יחיד קידשו בריך הוא״.

ר׳ דוד דוואָרטער איז מיחד יחודים,
אין די עולמות עליונים איז ער איצט;
נאָך אַ רגע אין אַ מבול ברעכט אויס,



פון זיין ברויזיקן בליק וואָס ברענט און בליצט.

ראַפּטים, מיטן דרינען דערזעט דער גוסס,
לייבעלען, זיין איינקל, שטיין ביי דער טיר,
ווינקט ער שמייכלדיק צו: „קום דאָך אַהער,
אַלע זיינען אַצינד רק טרוד מיט מיר,

און דו דרייסט דיך דערווייל פּועל־בטל אַרום,
קום דאָך אַהער, נאָך אַריינכאַפּן אַ שיעור״.
צוצוהערן אַלע אַראָפּ אויף דער ערד . . .
פון פלוש מ׳הערט צום טראָפּ, צוקאַפּען דעם כיור.

## יידיש סימפּאָזיום אין פּאַריז

מען דאַרף אפשר אָנהייבן פון איינציקע זייטיקע מאָמענטן, וואָס זיינען ביז גאָר וויכטיק פאַר דעם נאָר וואָס אָפּגעהאַלטענעם סימפּאָזיגם אין פּאַריז.

דאָס מאָל איז געווען אַנדערש ווי אויף די סימפּאָזיומס, וואָס זיינען אין די פריערדיקע יאָרן פאָרגעקומען אין פאַרשידענע צענטערס ווי לאָנדאָן, בריסל, און גאַנץ אָפּט אויך אין פּאַריז. אויף יעדן פון די ביז איצט אָפּגעהאַלטענע סימפּאָזיומס האָבן מיר געהאַט אַ חשובן גאַסט פון מעבר לים, אַ מין „סטאַר״ בלע״ז, וואָס האָט באַשיינט אונדזער שמחה מיט זיין אָנוועזנהייט, אָפּגערעדט פון די אינטערעסאַנטע און גייסטרייכע רעדעס פון יעדן פון די געסט. אַזוי האָבן מיר געהאַט מיט אונדז יעקב גלאַטשטיין, שלמה ביקל, ד״ר אריה טאַרטאַקאָווער און ועל כולם ר׳ אהרן שטיינבערג, וועלכער איז תמיד געווען דער חוט־השדרה פון יעדן סימפּאָזיום, אָדער ווי ער האָט דאָס ריכטיק געקרוינט מיטן נאָמען — דיאַלאָגן.

מען דאַרף אָבער ביי דער געלעגנהייט אונטערשטרייכן דעם פאַקט, וואָס דאָס מאָל האָבן מיר געהאַט אויף אונדזער סימפּאָזיום דעם דירעקטאָר פון קולטור־דעפּאַרטמענט פון יידישן וועלט קאָנגרעס, יעקב הלוי, וועלכער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט כמעט אין אַלע זיצונגען, פון דער דערעפענונג ביז דעם פייערלעכן אפשלוס פון סימפּאָזיום. דער נייער דירעקטאָר האָט טאַקע געהאַט די געלעגנהייט אין משך פון איינציקע טעג נענטער זיך צו באַקענען מיט די דעלעגאַטן פון יידישן סעקטאָר אין אייראָפּע און אגב צו הערן אַ ריי אַקטועלע און אינטערעסאַנטע רעפעראַטן אין דער שפּראַך, וואָס האָט אין יידיש־ענגלישע קרייזן נישט קיין גרויס חשיבות.

עס וויל זיך אויך אונטערשטרייכן, אַז דער מנין דעלעגאַטן פון לאָנדאָן האָט זיך שטאַרק אָנגעזען אויף די אָפּגעהאַלטענע זיצונגען, אַזוי מיט זייערע אינטערעסאַנטע רעפעראַטן ווי אויך מיט זייער אָנטייל אין די דיסקוסיעס, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט. די לאָנדאָנער דעלעגאַטן, הגם זיי האָבן פאַרטרעטן דעם יידיש־ריידנדיקן סעקטאָר אין ענגלאַנד, האָט יעדער פון זיי אויך געהאַט מיט זיך אַן אייגענעם באַגאַזש פון קולטור און וויסן פון דעם פאַרגאַנגענעם עבר, און ממילא אויך געקומען מיט זיינע אייגענע פּראָבלעמען. דאָס איז אויך באמת נוגע דעלעגאַטן פון אַנדערע לענדער. שטאַרק אָנזעעוודיק איז דאָס אַרויסגעקומען, ווען די דעלעגאַטן פון די פאַרשידענע

לענדער האָבן זיך געטראָפן אויף אַ געמיינזאַמען באָדען.

אין אַלגעמיין דאַרף מען פעסטשטעלן, אַז דער איצטיקער סימפּאָזיום האָט ווי תמיד דערפילט אַ גאָר וויכטיק שליחות. פאַר אַלעמען דאַרף גענומען ווערן אין אַכט דער געזעלשאַפטלעכער אַספּעקט פון אַזאַ סימפּאָזיום, עס ווערט געגעבן אַ געלעגנהייט שרייבער, זשורנאַליסטן און קולטור־מענטשן צו פאַרברענגען צוזאַמען, אָפּצונעמען באַריכטן פון דעם מצב פון יידישער קולטור אין באַזונדערע לענדער און שאַפן אַ קאָנטאַקט צווישן די פאַרשידענע ישובים. אַזאַ דערשיינונג איז אין יידישן סעקטאר אַ זעלטנהייט.

גאַנץ באַזונדער דינט אַזאַ סימפּאָזיום, און דאַרף אויך דינען אויף להבא, ווי אַ בריק צווישן די צוויי יידישע וועלטן, צווישן מערב און לענדער פון מזרח איירּאָפּע. און עס איז גוט געשען, וואָס אויף דעם סימפּאָזיום איז געוואָרן אַ געלעגנהייט אויסצוהערן צוויי אינטערעסאַנטע רעפעראַטן פון ד״ר ה. סלאָוועס אויף דער טעמע „יידן און וועלט אין דער היינטיקער צייט“ און פון אברהם בערן אויף דער טעמע „דער הומאַניזם פון די לינקע אינטעלעקטואַלן און די יידישע פּראָבלעמען“.

אודאי האָט אַ גרויסער טייל פון די באַטייליקטע נישט געקאָנט מסכים זיין מיט די אויספירונגען פון די צוויי רעדנער, בפרט האָט זיך געפילט אַ געגנערשאַפט צו די היסטאָרישע הנחות פון דעם באַגאַבטן ד״ר סלאָוועס. אָבער וויכטיק איז, דוכט זיך, געווען צו געבן אַ פּלאַטפאָרם פון אַלגעמיין יידישן כאַראַקטער פאַר פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ וואגיקן באַדייט פאַר דער היינטיקער יידישער אינטעליגענץ, וואָס געפינט זיך על פּרשת דרכים.

מיר האָבן וואָס אַן אמת ביז היינט צו טאָג נישט באַוויזן צו זען אויף אונדזערע סימפּאָזיומס אָפיציעלע דעלעגאַטן פון די לענדער פון מזרח איירּאָפּע. מיר האָפן און מיר זיינען זיכער, אַז מיט דער צייט וועט דאָס זיכער געשען. אָבער נישט אָפיציעל האָבן זיך גראַד אין דעם לעצטן סימפּאָזיגם באַטייליקט אַ ריי געסט פון פּוילן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אינטערעס צו דער אָפּגעהאַלטענעם סימפּאָזיום. אייניקע פון פּוילן האָבן זיך אַנאָנים באַטייליקט און אַן אָפּקלאַנג פון זייער אינטערעס האָט מען געקענט פעסטשטעלן פון גרוסן, וואָס מיר האָבן שפּעטער אָפּגענומען פון פּוילן.

עס וויל זיך באַזונדער דערמאָנען וועגן דער ספּעציעלער סעסיע, וואָס איז געווען געווידמעט דר יידישער יוגנט. עס איז גוט געווען, וואָס עס איז געגעבן געוואָרן אַ מעגלעכקייט דער שטודירענדער יוגנט פון פאַרשידענע קרייזן צו ברענגען אַרויס עפנטלעך זייערע פּראָבלעמען און בעיקר, וואָס זיי טראַכטן און בכלל זייער צוגאַנג צו דער פראַגע פון מדינת ישראל.

אָן ספק וואָלט בעסער געווען צו האָבן ווייניקער רעפעראַטן און לענגער זיך קאָנצענטרירן אויף די וויכטיקסטע טעמעס פון סימפּאָזיום, אויספירלעכער דיסקוטירן די הנחות פון באַזונדערע רעדנער, אָבער בדרך כלל דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דער לעצטער סימפּאָזיום איז געווען באמת אַ היסטאָריש געשעעניש, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אינטערעסאַנטן אינהאַלט און, ווי געזאָגט, וועט זיכער דינען ווי אַ בריק און פּלאַטפאָרם צווישן פאַרשידענע יידישע קולטור־צענטערס אין איירּאָפּע.

מ. ז.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאר ליטעראטור. טעאטער. קונסט און קולטור

נומער 5־6 (העפט 449־50) דרייסיקסטע יאָר מאַי־יוני 1969, לאָנדאָן

א י נ ה אַ ל ט :


| | | |
|---|---|---|
| ערב יום־העצמאות, קבלת־התורה, 1969 | ** | 3 |
| לכבוד יידישע אויפשטענדלער | יעקב ריכטיגער | 7 |
| האַנס הערצל (ליד) | יוסף לעפּטוויטש | 10 |
| דער אורח (פּאָעמא) | אריה שמרי | 12 |
| מיינע צוויי חדשים אין ישראל | דוד בערמאַן | 13 |
| צו דער גאָלדענער חתונה (ליד) | י. ל. פּיין | 15 |
| מיין אסתרל (ליד) | שמואל וההייט | 16 |
| נישט דערפאַרן, אלדד הדני (פּראָזע און ליד) | א. נ. שטענצל | 16 |
| ישראל 21 יאָר (ליד) | עלא זילבערג | 24 |
| צום זכרון פון שמואל יעקב האַרענדאָרף | מאיר גערטנער | |


**רעדאקציע־נאָטיץ:** מיר בעטן אונזערע לייענער זיי זאָלן זיך אַבאָנירן וואָרים דער פאַרקויף מיטגליד ווערט אַלץ שווערער בפרט אין די ווינטער.

## יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס

(בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 הענריקעס סט., א.1. 3 אַזייגער)

שבת דעם 14טן יוני — אַ רעפעראַט פון סעם לעוו

שבת, דעם 21סטן, לייענען א. מ. קייזערס הומארעסקעס לכבוד דער יאָרצייט פונם שרייבער.

שבת, דעם 28סטן, שמריס באַזוך אין לאָנדאָן רעציטירן פון זיינע ביכער.

שבת, דעם 5טן יולי, דאָס יידישע פאָלקס־ליד: סעם גאָלדבערג און עלען ווינאָגראַד, איצט צוריקגעקומען פון ניו־יאָרק.

שבת, דעם 12טן לכבוד אַש׳ס 13טער יאָרצייט לייענען פון אַש׳ס ווערק —נעט רובין, אייזיק גאָלדבערג, און מאיר באָגדאַנסקי.

שבת, דעם 19טן — הערצל־ און ביאַליק־שבת, רעדנער ח. בענקאָוויטש.

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*